ABOUT THIS TEXT

The following text is in DRAFT format, and is likely to contain numerous errors. It is an excerpt from a new transcription of Yehoyesh's Yiddish translation of Tanakh. This edition has been prepared by a team of volunteers under the direction of Leonard Prager, Professor Emeritus at the University of Haifa.

Errors may be reported to Dr. Prager:

lprager@research.haifa.ac.il

or to Matt Fisher:

mjf@press.uchicago.edu

The current version of this text may be found at Di Velt fun Yidish:

http://research.haifa.ac.il/~yiddish

---

# ספר אֶסְתֵּר

## פּרק א

1 און עס איז געווען אין די טעג פון אַכַשוֵרוֹשן – דאָס איז דער אַכַשוֵרוֹש וואָס האָט
געקיניגט פון הוֹדו ביז כּוש, איבּער הונדערט און זיבּן און צוואַנציק מדינות – אין
יענע טעג, אַז דער מלך אַכַשוֵרוֹש איז געזעסן אויף דעם טראָן פון זײַן מלוכה וואָס
אין דער הויפּטשטאָט שושַן, אין דריטן יאָר פון זײַן מלוכה, האָט ער געמאַכט אַ
מאָלצײַט פאַר אַלע זײַנע האַרן און זײַנע קנעכט, דעם כיל פון פָּרַס און מָדַי, די
אַדללײַט און די האַרן פון די מדינות,
[ז 1194] וואָס פאַר אים; ווען ער האָט געוויזן די עשירות פון זײַן קיניגלעכן שטאַט,
און די זעלטענע פּראַכט פון זײַן גרויסקײַט, פיל טעג, הונדערט און אַכציק טעג. און
אַז דידאָזיקע טעג זײַנען דערפילט געוואָרן, האָט דער מלך געמאַכט פאַר דעם גאַנצן
פאָלק וואָס האָט זיך געפונען אין דער הויפּטשטאָט שושַן, פון קלענסטן ביזן גרעסטן,
אַ מאָלצײַט פון זיבּן טעג אין הויף פון דעם מלכס פּאַלאַצגאָרטן. ווײַסע צייג, דינע

לײַנען, און בלאָע װאָל, זײַנען געװען באַפֿעסטיקט מיט שנורן פֿון פֿײַנלײַנען און פּורפּל אויף זילבערנע שטאַנגען און זײַלן פֿון מירמלשטיין; מיט גילדערנע און זילבערנע לענבעטלעך אויף אַ פּלאַסטערונג פֿון אַלאַבאַסטער און מירמלשטיין, און פּערלמוטער, און פֿלעקמירמל. און געגעבן טרינקען האָט מען אין גילדערנע כּלים, און כּלים פֿון כּלים פֿאַרשײדן, און מַלכותדיקער װײַן איז געװען מיט אַ קיניגלעכער האַנט. און דאָס טרינקען איז געװען װי געהעריק; קײַנער האָט ניט גענײט; װאָרום אַזױ האָט דער מלך פֿעסט אָנגעזאָגט איטלעכן עלטסטן פֿון זײַן הויז, צו טאָן לויט דעם רצון פֿון יעטװעדער אײנעם.

אויך די מלכּה װַשתּי האָט געמאַכט אַ מאָלצײַט פֿאַר די װײַבער אין דעם קיניגלעכן הויז פֿון מלך אַחַשװֵרוֹש. אויפֿן זיבעטן טאָג, אַז דעם מלכס האַרץ איז געװען פֿרײלעך פֿון װײַן, האָט ער געהײסן מהוּמָן, בִּזְתָא, חַרבוֹנָא, בִּגתָא, און אֲבַגתָא, זֵתַר, און כַּרכַּס, די זיבן קאַמערדינער װאָס האָבן באַדינט פֿאַר דעם מלך אַחַשװֵרוֹש, ברענגען די מלכּה װַשתּי פֿאַר דעם מלך אין אַ קיניגלעכער קרוין, כּדי צו װײַזן די פֿעלקער און די האַרן איר שײנקײַט, װאָרום זי איז געװען שײן פֿון אויסזען. האָט די מלכּה װַשתּי ניט געװאָלט קומען אויף דעם מלכס אָנזאָג װאָס דורך דער האַנט פֿון די קאַמערדינער, און דער מלך איז זײער אין כּעס געװאָרן, און זײַן גרימצאָרן האָט אין אים געברענט.

און דער מלך האָט געזאָגט צו די חכמים װאָס קענען די צײַטן – װאָרום אַזױ איז געװען דעם מלכס שטײגער אַנטקעגן אַלע װאָס װײסן אַ געזעץ און אַ דין; און די נאָענטע צו אים זײַנען געװען כַּרשנָא, שֵתָר, אַדמָתָא, תַּרשיש, מֶרֶס, מַרסנָא, ממוּכָן, זיבן האַרן פֿון פָּרַס און מָדַי װאָס האָבן געזען דעם מלכס פּנים, װאָס זײַנען געזעסן אויבנאָן אין דער מלוכה –: װאָס דאַרף מען טאָן לויט געזעץ צו דער מלכּה װַשתּי פֿאַר װאָס זי האָט ניט געטאָן דעם אָנזאָג פֿון מלך אַחַשװֵרוֹש דורך דער האַנט פֿון די קאַמערדינער.

האָט ממוּכָן געזאָגט פֿאַר דעם מלך און די האַרן: ניט אַקעגן מלך אַלײן האָט פֿאַרבראָכן די מלכּה װַשתּי, נאָר אַקעגן אַלע האַרן, און אַקעגן אַלע פֿעלקער װאָס אין אַלע מדינות פֿון מלך אַחַשװֵרוֹש. װאָרום די מעשׂה מיט דער
[ז 1195] מלכּה װעט אַרויסקומען צו אַלע װײַבער, צו מאַכן זײערע מאַנען פֿאַראַכט אין זײערע אויגן, אַז מע װעט זאָגן: דער מלך אַחַשװֵרוֹש האָט געהײסן ברענגען פֿאַר אים די מלכּה װַשתּי, און זי איז ניט געקומען. און נאָך הײַנטיקן טאָג װעלן די האַרינטעס פֿון פָּרַס און מָדַי, װאָס האָבן געהערט די מעשׂה מיט דער מלכּה, דאָס זאָגן צו די האַרן פֿון מלך, און עס װעט זײַן גענוג בִּזָיאָן און ערגערניש. אויב דעם מלך איז װױלגעפֿעלן, זאָל אַרויסגײן אַ קיניגלעכער באַפֿעל פֿון פֿאַר אים, און עס זאָל

פֿאַרשריבן ווערן אין די געזעצן פֿון פָּרַס און מָדַי, כּדי עס זאָל ניט בָּטל ווערן, אַז
וַשתּי זאָל מער ניט קומען פֿאַר דעם מלך אַחַשוֵרוֹש, און איר מלכּהשאַפֿט זאָל דער
מלך געבן צו אַן אַנדערער וואָס איז בעסער פֿון איר. און אַז דעם מלכס פּסק וואָס ער
וועט מאַכן, וועט באַקאַנט ווערן אין זײַן גאַנצן קיניגרײַך, ווי גרויס עס איז, וועלן
אַלע ווײַבער אָפּגעבן כּבוד זייערע מאַנען, פֿון גרעסטן ביזן קלענסטן.

איז דאָס וואָרט ווױלגעפֿעלן אין די אויגן פֿון דעם מלך און די האַרן, און דער מלך
האָט געטאָן אַזוי ווי דאָס וואָרט פֿון ממוכָנען. און ער האָט געשיקט בריוו צו אַלע
מדינות פֿון דעם מלך, צו איטלעכער מדינה לויט איר כּתב, און צו איטלעכן פֿאָלק
לויט זײַן לשֹן, אַז יעטוועדער מאַן זאָל זײַן דער הערשער אין זײַן הויז, און רעדן אַזוי
ווי דער לשון פֿון זײַן פֿאָלק.

# פּרק ב

1 נאָך דידאָזיקע געשעענישן, אַז דער גרימצאָרן פֿון מלך אַחַשוֵרוֹש האָט זיך
געשטילט, האָט ער געדאַכט אָן וַשתּין, און אָן וואָס זי האָט געטאָן, און וואָס איז
נִגזר געוואָרן אויף איר. האָבן געזאָגט די יונגען פֿון מלך, זײַנע משָרתים: זאָל מען
זוכן פֿאַרן מלך יונגע מײַדלעך שיין פֿון אויסזען. און דער מלך זאָל אויפֿזעצן
אויפֿזעער אין אַלע מדינות פֿון זײַן קיניגרײַך, און זיי זאָלן אײַנזאַמלען ווױ נאָר אַ יונג
מײַדל פֿון שיינעם אויסזען אין דער הויפּטשטאָט שושַן, אין הויז פֿון די פֿרויען,
אונטער דער האַנט פֿון הֵגֶא דעם קאַמערדינער פֿון מלך, דעם היטער פֿון די פֿרויען,
און מע זאָל זיי געבן זייערע זאַלבונגען. און די מײַדל וואָס וועט ווױלגעפֿעלן אין די
אויגן פֿון מלך, זאָל ווערן די מלכּה אָנשטאָט וַשתּין.

און די זאַך איז ווױלגעפֿעלן אין די אויגן פֿון מלך, און ער האָט אַזוי געטאָן.

איז געווען אַ ייִד אין דער הויפּטשטאָט שושַן מיטן נאָמען מָרדכַי דער זון פֿון יָאיר,
דעם זון פֿון שִמעִי, דעם זון פֿון קישן, אַ מאַן פֿון בנימין, וואָס איז פֿאַרטריבן געוואָרן
פֿון ירושָלַיִם מיט די פֿאַרטריבענע וואָס זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן מיט איכָניָה דעם
מלך פֿון יהודה, די וואָס נבוכַדנֶצַר דער מלך פֿון בָּבל האָט פֿאַרטריבן. און ער האָט
דערצויגן הֲדַסָהן, דאָס איז אֶסתֵּר, די טאָכטער פֿון זײַן פֿעטער, וואָרום זי האָט ניט
געהאַט קיין פֿאָטער און מוטער; און
[ז 1196] די מײַדל איז געווען שיין אויפֿן געשטאַלט, און שיין אויפֿן פּנים; און אַז
איר פֿאָטער און איר מוטער זײַנען געשטאָרבן, האָט זי מרדכי צוגענומען צו זיך פֿאַר

אַ טאָכטער.

און עס איז געווען, אַז דער אָנזאָג פון מלך און זײַן באַפעל איז באַקאַנט געוואָרן, און אַז פיל מײַדלעך זײַנען אײַנגעזאַמלט געוואָרן אין דער הויפּטשטאָט שושַן, אונטער דער האַנט פון הֵגַין, אַזוי איז אויך אסתּר צוגענומען געוואָרן אין הויז פון מלך, אונטער דער האַנט פון הֵגַין דעם היטער פון די פרויען. און די מײַדל איז ווױלגעפעלן אין זײַנע אויגן, און זי האָט נוֹשׂא חן געווען פאַר אים, און ער האָט געאײַלט מיט אירע זאַלבונגען און אירע גאָבן, און די זיבן מײַדלעך וואָס דאַרפן איר געגעבן ווערן פון מלכס הויז; און ער האָט זי מיט אירע מײַדלעך אויסגעצײַנט צום גוטן אין הויז פון די פרויען.

אסתּר האָט ניט אויסגעזאָגט איר פאָלק און איר אָפּשטאַם, וואָרום אַזוי האָט איר מרדכי באַפוילן, אַז זי זאָל ניט אויסזאָגן. און טאָג פאַר טאָג איז מרדכי אַרומגעגאַנגען פאַר דעם הויף פון דעם הויז פון די פרויען געוואָר צו ווערן וואָס אסתּר מאַכט, און וואָס מיט איר געשעט.

און אַז עס האָט דערגרייכט די ריי פון מײַדל נאָך מײַדל, צו קומען צום מלך אַכַשוֵרוֹש, נאָכדעם ווי זי האָט געהאַט צוועלף חדשים, לויט דעם אײַנפיר פאַר די פרויען – וואָרום אַזוי האָבן געמוזט דערפילט ווערן די טעג פון זייערע זאַלבונגען: זעקס חדשים מיט אייל פון מירע, און זעקס חדשים מיט בשׂמים און מיט זאַלבן פון פרויען – און אַז די מײַדל איז דענסמאָל געגאַנגען צום מלך, פלעגט אַלץ וואָס זי פלעגט פאַרלאַנגען איר געגעבן ווערן, מיטצוגיין מיט איר פון דעם הויז פון פרויען אין הויז פון מלך. אין אָוונט איז זי געגאַנגען, און אין דער פרי האָט זי זיך אומגעקערט אין צווייטן הויז פון די פרויען, אונטער דער האַנט פון שַעַשג(_)ז דעם מלכס קאַמערדינער, דעם היטער פון די קעפּסווײַבער. זי פלעגט מער ניט קומען צום מלך, סײַדן דער מלך האָט זי באַגערט, און זי איז גערופן געוואָרן מיטן נאָמען.

און אַז עס האָט דערגרייכט די ריי פון אסתּר דער טאָכטער פון אַביכַיִל, מרדכיס פעטער, וואָס ער האָט גענומען צו זיך פאַר אַ טאָכטער, צו קומען צום מלך, האָט זי ניט פאַרלאַנגט קיין זאַך, אַחוץ וואָס הֵגַי דעם מלכס קאַמערדינער, דער היטער פון די פרויען, פלעגט זאָגן. און אסתּר האָט נוֹשׂא חן געווען אין די אויגן פון אַלע וואָס האָבן זי געזען.

און אסתּר איז גענומען געוואָרן צום מלך אַכַשוֵרוֹש אין זײַן קיניגלעכן הויז, אין צענטן כוֹדש, דאָס איז דער כוֹדש טֵבֵת, אין זיבעטן יאָר פון זײַן מלוכה. און דער מלך

הָאט ליבּ געקריגן אסתּרן מער פון אַלע ווײַבּער, און זי הָאט געקריגן בּײַ אים חן און
לײַטזעליקײַט מער פון אַלע יונגפרויען, און ערה אָט אָנגעטאָן אַ מַלכות-קרוין אויף
איר קאָפּ, און הָאט זי געמאַכט פאַר אַ מלכּה אָנשטאָט אַושתּין. און דער מלך הָאט
געמאַכט אַ גרויסן מאָלצײַט
[ז 1197] פאַר אַלע זײַנע האַרן און זײַנע קנעכט, אַ מאָלצײַט פון אסתּרס וועגן. און
ער הָאט געמאַכט די מדינות אַ הנָכה, און געגעבּן מתּנות מיט אַ קיניגלעכער האַנט.

און אַז יונגפרויען זײַנען אַ צווייט מאָל אײַנגעזאַמלט געוואָרן, און מרדכי איז געזעסן
אין טויער פון מלך – אסתּר הָאט נאָך ניט געהאַט אויסגעזאָגט איר אָפּשטאַם און איר
פאָלק, אַזוי ווי מרדכי הָאט איר בּאַפוילן; וואָרום אסתּר הָאט געטאָן וואָס מרדכי הָאט
איר אָנגעזאָגט, אַזוי ווי בּעת זי איז געווען אין דערציאונג בּײַ אים – אין יענע טעג,
ווען מרדכי איז געזעסן אין טויער פון מלך, הָאט געצערנט בּגתָן און תֶּרֶש, צוויי
קאַמערדינער פון מלך, פון די שוועלהיטער, און זיי הָאבּן געוואָלט אויסשטרעקן אַ
האַנט אויפן מלך אַכַשוֵרוֹש. איז די זאַך דערוווּסט געוואָרן צו מרדכין, און ער הָאט
דערציילט אסתּר המלכּהן, און אסתּר הָאט געזאָגט דעם מלך אין נאָמען פון מרדכין.
און די זאַך איז נאָכגעזוכט געוואָרן, און איז אויסגעפונען געוואָרן, און זיי זײַנען
בּײַדע אויפגעהאַנגען געוואָרן אויף אַ בּוים; און עס איז פאַרשריבּן געוואָרן אין בּוך
פון די צײַטגעשעענישן פאַר דעם מלך.

# פּרק ג

1 נאָך דידאָזיקע געשעענישן הָאט דער מלך אַכַשוֵרוֹש געגרייטס הָמָן דעם זון פון
הַמדָתאָן, דעם אַגָגי, און ער הָאט אים דערהויבּן און געשטעלט זײַן שטול איבּער אַלע
האַרן וואָס בּײַ אים. און אַלע קנעכט פון מלך וואָס אין מלכס טויער הָאבּן זיך געקניט
און געבּוקט צו הָמָנען, וואָרום אַזוי הָאט דער מלך בּאַפוילן וועגן אים; נאָר מרדכי
פלעגט זיך ניט קניען און ניט בּוקן. הָאבּן די קנעכט פון מלך וואָס אין מלכס טויער
געזאָגט צו מרדכין: פאַרוואָס טרעטסטו איבּער דעם בּאַפעל פון מלך? און עס איז
געווען, אַז זיי הָאבּן דאָס צו אים געזאָגט טאָג פאַר טאָג, און ער הָאט ניט צוגעהערט
צו זיי, אַזוי הָאבּן זיי דערציילט הָמָנען, כּדי צו זען אויבּ מרדכיס ווערטער וועלן
בּאַשטיין; וואָרום ער הָאט זיי געזאָגט אַז ער איז אַ ייִד. און ווי הָמָן הָאט געזען אַז
מרדכי קניט זיך ניט און בּוקט זיך ניט צו אים, אַזוי איז הָמָן געוואָרן פול מיט
גרימצאָרן. און ער הָאט פאַראַכט אין זײַנע אויגן אויסצושטרעקן אַ האַנט אויף מרדכין
אַליין; וואָרום מע הָאט אים געזאָגט דאָס פאָלק פון מרדכין; נאָר הָמָן הָאט געזוכט צו
פאַרטיליקן אַלע ייִדן וואָס אין גאַנצן קיניגרײַך פון אַכַשוֵרוֹשן, דאָס פאָלק פון מרדכין.

אין ערשטן כֹודש, דאָס איז כֹודש ניסן, אין צוועלפטן יאָר פון מלך אַכַשוֵרֹוש, האָט מען געוואָרפן אַ פּור, דאָס איז אַ גֹורל, פאַר הָמָנען, פון טאָג אויף טאָג, און פון כֹודש אויף כֹודש, בּיז צום וועלפטן כֹודש, דאָס איז כֹודש אָדֶר.

[ז 1198]

און הָמָן האָט געזאָגט צום מלך אַכַשוֵרֹוש: פאַראַן איין פאָלק, צעזייט און צעשפּרייט צווישן די פעלקער אין אַלע מדינות פון דײַן קיניגרײַך, און זייערע געזעצן זײַנען אַנדערש ווי בּײַ איטלעכן פאָלק, און די געזעצן פון מלך טוען זיי ניט, און דעם מלך לוינט זיך ניט צו לאָזן בלײַבּן. אויבּ דעם מלך איז ווױלגעפעלן, זאָל געשריבּן ווערן זיי אומצובּרענגען, און איך וועל אָפּוועגן צען טויזנט צענטנער זילבּער אויף די הענט פון די ווירטשאַפטער, אויף אַרײַנצובּרענגען אין די שאַצקאַמערן פון מלך. האָט דער מלך אַראָפּגענומען זײַן זיגלרינג פון זײַן האַנט, און האָט אים געגעבּן צו הָמָן דעם זון פון הַמדָתאָן, דעם אַגָגי, דעם צורר-הַיהודים. און דער מלך האָט געזאָגט צו הָמָנען: דאָס געלט ווערט דיר געשאָנקען, און אויך דאָס פאָלק, צו טאָן מיט אים ווי עס איז גוט אין דײַנע אויגן.

און ד שרײַבּער פון מלך זײַנען גערופן געוואָרן אין ערשטן כֹודש, אין דרײַצנטן טאָג אין דעם, און עס איז געשריבּן געוואָרן אַזוי ווי אַלץ וואָס הָמָן האָט בּאַפוילן, צו די סאַטראַפּן פון מלך, און צו די פירשטן וואָס איבּער איטלעכער מדינה, און צו די האַרן פון איטלעכן פאָלק; איטלעכער מדינה לויט איר כתב, און איטלעכן פאָלק לויט זײַן לשון, געשריבּן אין נאָמען פון מלך אַכַשוֵרֹוש, און געכתמעט מיטן זיגלרינג פון מלך.

און בּריוו זײַנען צעשיקט געוואָרן דורך דער האַנט פון לויפערס צו אַלע מדינות פון מלך, צו פאַרטיליקן, צו הרגען, און אומצובּרענגען אַלע ייִדן, פון יונג בּיז אַלט, קליינע קינדער און ווײַבּער, אין איין טאָג, און דרײַצנטן טאָג פון צוועלטפטן כֹודש, דאָס איז כֹודש אָדֶר, און צו צערויבּן זייער פאַרמעג. דער נוסך פון דעם געשריפטס זאָל אַרויסגעגעבּן ווערן פאַר אַ בּאַפעל אין איטלעכער מדינה, בּאַקאַנט געמאַכט צו אַלע פעלקער, אַז זיי זאָלן זײַן אָנגעבּרייט פאַר דעמדאָזיקן טאָג.

זײַנען די לויפערס אַרויס אין געאײַלט מיט דעם מלכס אָנזאָג, און דאָס געזעץ איז אַרויסגעגעבּן געוואָרן אין דער הויפּטשטאָט שושַן. און דער מלך און הָמָן האָבּן זיך געזעצט טרינקען, און די שטאָט שושַן איז געווען צעטומלט.

# פּרק ד

1 און ווי מרדכי האָט זיך דערוווּסט אַלץ וואָס איז געשען, אַזוי האָט מרדכי צעריסן זײַנע קליידער, און ער האָט אָנגעטאָן זאַק מיט אַש און ער איז אַרויסגעגאַנגען אין מיטן שטאָט, און האָט געשריען אַ גרויס און בּיטער געשרײַ. און ער איז געקומען בּיז צום מלכס טויער; וואָרום מע האָט ניט געטאָרט אַרײַנגיין אין מלכס טויער אין זאַק.

און אין איטלעכער מדינה, ווּ נאָר דער אָנזאָג פון מלך און זײַן בּאַפעל איז אָנגעקומען, איז געווען אַ גרויס טרויער
[ז 1199] בּײַ ייִדן, און אַ תּענית, און געוויין און קלאָג; זאַק און אַש האָבּן פיל זיך אונטערגעבּעט.

זײַנען געקומען אסתּרס מײַדלעך און אירע קאַמערדינער, און האָבּן איר דאָס דערציילט, און די מלכּה איז אויפגעציטערט געוואָרן, און זי האָט געשיקט קליידער אָנצוטאָן מרדכין, און אויסצוטאָן זײַן זאַק פון אים, אָבּער ער האָט ניט אָנגענומען. האָט אסתּר גערופן התָכן, איינעם פון דעם מלכס קאַמערדינער וואָס ער האָט געשטעלט פאַר איר, און זי האָט אים בּאַפוילן צו מרדכין, געוואָר צו ווערן וואָס דאָס איז, און פאַרוואָס דאָס איז.

איז התָך אַרויסגעגאַנגען צו מרדכין אויפן בּרײַטן פּלאַץ פון שטאָט וואָס פאַרן מלכס טויער, און מרדכי האָט אים דערציילט אַלץ וואָס אים איז געשען, און דעם אַטרעף פון דעם זילבּער וואָס המָן האָט צוגעזאָגט אָפּצוּווועגן אין די שאַצקאַמערן פון מלך פאַר די ייִדן, כּדי זיי אומצוברענגען. אויך דעם נוסך פון דעם געשריבּענעם בּאַפעל וואָס איז אַרויסגעגעבּן געוואָרן אין שושן זיי צו פאַרטיליקן, האָט ער אים געגעבּן, צו ווײַזן אסתּרן, און איר דערציילן, און איר אָנזאָגן צו גיין צום מלך, צו בּעטן בּײַ אים, און זיך שתּדלען בּײַ אים פאַר איר פאָלק.

איז התָך געקומען, און האָט דערציילט אסתּרן די ווערטער פון מרדכין. און אסתּר האָט גערעדט צו התָכן און האָט אים בּאַפוילן צו מרדכין: אַלע קנעכט פון מלך און דאָס פאָלק פון מלכס מדינות, ווייסן אַז איטלעכער מאַן אָדער פרוי וואָס גייט אַרײַן צום מלך אין אינעווייניקסטן הויף, ווען ער ווערט ניט גערופן, איז פאַר אים בּלויז איין געזעץ, טייטן, סײַדן דער וואָס דער מלך שטרעקט אויס צו אים דעם גילדערנעם צעפּטער, ער בּלײַבּט לעבּן; און איך בּין ניט גערופן געוואָרן צו קומען פאַרן מלך שוין דרײַסיק טעג.

האָט מען דערציילט מרדכין די ווערטער פון אסתּרן. און מרדכי האָט געהייסן
ענטפערן אסתּרן: זאָלסט ניט מיַינען בּיַי זיך, אַז דו פון אַלע ייִדן וועסט אַנטרונען
ווערן אין מלכס הויז. וואָרום אויבֿ שווײַגן וועסטו שווײַגן אין דער צײַט, וועט אַ
דערלײַכטערונג און אַ רעטונג אויפשטיין פאַר ייִדן פון אַן אַנדער אָרט, און דו און דײַן
פאָטערס הויז וועלן אונטערגיין. און ווער ווייס אויבֿ דו האָסט ניט דערגרײַכט די
מלוכה פאַר אַזאַ צײַט ווי די?

האָט אסתּר געהייסן ענטפערן מרדכין: גיי זאַמל אײַן אַלע ייִדן וואָס געפינען זיך אין
שושַן, און פאַסט פאַר מיר, און איר זאָלט ניט עסן און ניט טרינקען דרײַ טעג, נאַכט
און טאָג; אויך איך און מײַנע מײַדלעך וועלן אַזוי פאַסטן. און אַזוי וועל איך גיין צום
מלך, וואָס איז ניט לויט געזעץ; און אַז איך וועל אונטערגיין, וועל איך אונטערגיין.

[ז 1200]

איז מרדכי אַוועק, און האָט געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס אסתּר האָט אים בּאַפוילן.

# פּרק ה

1 און עס איז געווען אויפן דריטן טאָג, האָט אסתּר זיך אָנגעטאָן מַלכותדיק, און האָט
זיך געשטעלט אין אינעווייניקסטן הויף פון מלכס הויז אַקעגן מלכס הויז; און דער
מלך איז געזעסן אויף זײַן קיניגלעכן טראָן אין קיניגלעכן הויז, אַקעגן דעם אײַנגאַנג
פון הויז. איז ווי דער מלך האָט דערזען אסתּר המלכּה שטייענדיק אין הויף, האָט זי
נושׂא חן געווען אין זײַנע אויגן, און דער מלך האָט אויסגעשטרעקט צו אסתּרן דעם
גילדערנעם צעפּטער וואָס אין זײַן האַנט, און אסתּר האָט גענענט, און האָט אָנגערירט
דעם שפּיץ צעפּטער. האָט דער מלך צו איר געזאָגט: וואָס איז דיר, אסתּר המלכּה?
און וואָס איז דײַן בּקשה? אַפילו בּיז אַ האַלבּער מלוכה זאָל דיר געגעבֿן ווערן. האָט
אסתּר געזאָגט: אויבֿ דעם מלך איז ווױ˙ילגעפעלן, זאָל דער מלך און הָמָן קומען הײַנט
צו דעם מאָלצײַט וואָס איך האָבֿ פאַר אים געמאַכט. האָט דער מלך געזאָגט: אײַלט
אַהער הָמָנען, צו טאָן דאָס וואָרט פון אסתּרן.

און דער מלך און הָמָן זײַנען געקומען צו דעם מאָלצײַט וואָס אסתּר האָט געמאַכט. און
דער מלך האָט געזאָגט צו אסתּרן אויף דעם ווײַנמאָלצײַט: וואָס נאָר דײַן פאַרלאַנג,
וועט דיר געגעבֿן ווערן, און וואָס נאָר דײַן בּקשה, אַפילו בּיז אַ האַלבּער מלוכה וועט
געטאָן ווערן. האָט אסתּר געענטפערט און האָט געזאָגט: מײַן פאַרלאַנג און מײַן בּקשה

– אויבֿ איך האָבֿ געפונען לײַטזעליקײַט אין די אויגן פון מלך, און אויבֿ דעם מלך איז וווּ˙ילגעפעלן צו געבֿן מײַן פאַרלאַנג און צו טאָן מײַן בקשה – זאָל דער מלך און הָמָן קומען צו דעם מאָלצײַט וואָס איך וועל זיי מאַכן; און מאָרגן וועל איך טאָן אַזוי ווי דאָס וואָרט פון מלך.

און הָמָן איז אַרויסגעגאַנגען אין יענעם טאָג פריילעך און מיט אַן אויפגעראַמטן האַרצן. אָבֿער ווי הָמָן האָט געזען מרדכין אין טויער פון מלך, אַז ניט ער האָט זיך אויפגעשטעלט און ניט ער האָט זיך גערירט פאַר אים, אַזוי איז הָמָן פול געוואָרן מיט גרימצאָרן אויף מרדכין. אָבֿער הָמָן האָט זיך אײַנגעהאַלטן, און ער איז אַוועק אין זײַן הויז און האָט געשיקט און געבראַכט זײַנע גוטע פרײַנט, און זײַן ווײַבֿ זֶרֶש. און הָמָן האָט אויסערציילט פאַר זיי זײַן גרויס עשירות, און זײַנע פיל קינדער, און אַלצדינג ווי אַזוי דער מלך האָט אים געגרײַסט, און ווי אַזוי ער האָט אים דערהויבֿן איבער די האַרן און די קנעכט פון מלך. און הָמָן האָט געזאָגט: אויך האָט אסתּר המלכּה ניט געלאָזט קומען קײַנעם מיטן מלך צו דעם מאָלצײַט וואָס זי האָט געמאַכט נאָר בלויז מיך, און אויך אויף מאָרגן בין איך פאַרבעטן צו איר
[ז 1201] מיטן מלך. אָבֿער דאָס אַלץ איז מיר נישט ווערט, איטלעכס מאָל וואָס איך זע מרדכי דעם ייִדן זיצן אין טויער פון מלך. האָט צו אים געזאָגט זײַן ווײַבֿ זֶרֶש, און אַלע זײַנע גוטע פרײַנט: זאָל מען מאַכן אַ תּלִיָה פופציק אײַלן הויך, און אין דער פרי זאָג דעם מלך, מע זאָל אויפהענגען אויף איר מרדכין; און גיי אַ פריילעכער מיט דעם מלך צום מאָלצײַט. איז די זאַך וווּ˙ילגעפעלן פאַר הָמָנען, און ער האָט געמאַכט די תּלִיָה.

# פרק ו

1 אין יענער נאַכט האָט זיך אָפּגעטאָן דער שלאָף פון מלך, און ער האָט געהייסן ברענגען דעם ספר־הזכרונות פון די צײַט געשעענישן, און זיי זײַנען פאָרגעלײַענט געוואָרן פאַרן מלך. איז געפונען געוואָרן פאַרשריבן אַז מרדכי האָט אויסגעזאָגט אויף בִגתָנאָ און תֶּרֶש, די צוויי קאַמערדינער פון מלך, פון די שוועלהיטער, וואָס האָבן געזוכט אויסצושטרעקן אַ האַנט אויפן מלך אַחַשוֵרוֹש. האָט דער מלך געזאָגט: וואָס פאַר אַ כּבוד און גדולה איז געטאָן געוואָרן מרדכין דערפאַר? האָבן געזאָגט די יונגען פון מלך, זײַנע משָרתים: קיין זאַך איז מיט אים ניט געטאָן געוואָרן. האָט דער מלך געזאָגט: ווער איז אין הויף? ערשט הָמָן קומט אין אויסווייניקסטן הויף פון דעם מלכס הויז, צו זאָגן דעם מלך, מע זאָל אויפהענגען מרדכין אויף דער תּלִיָה וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר אים. האָבן די יונגען פון מלך צו אים געזאָגט: אָט שטייט הָמָן אין

הויף. האָט דער מלך געזאָגט: זאָל ער אַרײַנקומען. איז הָמָן אַרײַנגעקומען, און דער מלך האָט צו אים געזאָגט: וואָס דאַרף מען טאָן מיט אַ מאַן וואָס דער מלך וויל אים אָנטאָן כּבוד? האָט הָמָן געקלערט בּײַ זיך אין האַרצן: וועמען וועט דער מלך וועלן אָנטאָן כּבוד אַחוץ מיר? און הָמָן האָט געזאָגט צום מלך: אַ מאַן וואָס דער מלך וויל אים אָנטאָן כּבוד – זאָל מען בּרענגען אַ מַלכותדיק קלייד וואָס דער מלך האָט זיך דערין אָנגעקלײַדט, און אַ פערד וואָס דער מלך איז אויף אים געריטן, און וואָס אַ מַלכותדיקע קרוין איז אָנגעטאָן געוואָרן אויף זײַן קאָפּ. און מע זאָל געבּן דאָס קלייד און דעם פערד אויף דער האַנט פון איינעם פון די האַרן פון מלך, די אַדלײַט, און מע זאָל אָנקלײַדן דעם מאַן וואָס דער מלך וויל אים אָנטאָן כּבוד, און מע זאָל אים מאַכן רײַטן אויפן פערד דורך דער בּרייטער גאַס פון שטאָט, און אויסרופן פאַר אים: אַזוי ווערט געטאָן צו דעם מאַן וואָס דער מלך וויל אים אָנטאָן כּבוד. האָט דער מלך געזאָגט צו הָמָנען: אײַל און נעם דאָס קלייד און דעם פערד, אַזוי ווי דו האָסט גערעדט, און טו
[ז 1202] אַזוי צו מרדכי דעם ייִדן וואָס זיצט אין מלכס טויער; זאָלסט ניט לאָזן אָפּפאַלן אַ וואָרט פון אַלץ וואָס דו האָסט גערעדט.

האָט הָמָן גענומען דאָס קלייד און דעם פערד, און ער האָט אָנגעקלײַדט מרדכין, און האָט אים געמאַכט רײַטן דורך דער בּרייטער גאַס פון שטאָט, און האָט פאַר אים אויסגערופן: אַזוי ווערט געטאָן צו דעם מאַן וואָס דער מלך וויל אים אָנטאָן כּבוד.

און מרדכי האָט זיך אומגעקערט צום טויער פון מלך. אָבּער הָמָן איז אַוועק אין האַסט אַהיים, טרויעריק און מיט אַ פאַרדעקטן קאָפּ. און הָמָן האָט דערציילט זײַן ווײַבּ זֶרֶש און אַלע זײַנע גוטע פרײַנט אַלץ וואָס אים האָט געטראָפן. האָבּן זײַנע קלוגע לײַט און זײַן ווײַבּ זֶרֶש געזאָגט צו אים: אויבּ פון ייִדישן אָפּשטאַם איז דער מרדכי וואָס דו האָסט אָנגעהויבּן פאַלן פאַר אים, וועסטו ניט אויספירן אַקעגן אים, נאָר פאַלן וועסטו פאַלן פאַר אים.

ווי זיי רעדן נאָך מיט אים, אַזוי זײַנען אָנגעקומען דעם מלכס קאַמערדינער, און געאײַלט צו בּרענגען הָמָנען צו דעם מאָלצײַט וואָס אסתּר האָט געמאַכט.

# פּרק ז

1 און דער מלך און הָמָן זײַנען געקומען צו טרינקען בּײַ אסתּר המלכּה. און דער מלך האָט געזאָגט צו אסתּרן אויך אויפן צווייטן טאָג, בּײַם ווײַנמאָלצײַט: וואָס נאָר דײַן

פאַרלאַנג, אסתּר המלכּה, וועט דיר געגעבּן ווערן, און וואָס נאָר דײַן בּקשה, אַפילו בּיז אַ האַלבּער מלוכה וועט געטאָן ווערן.

האָט אסתּר המלכּה געענטפערט און האָט געזאָגט: אויבּ איך האָבּ געפונען
לײַטזעליקײַט אין דײַנע אויגן, מלך, און אויבּ דעם מלך איז ווו ּילגעפעלן, זאָל מיר
מײַן לעבּן געשאָנקן ווערן אויף מײַן געבּעט, און מײַן פאָלק אויף מײַן בּקשה. ווואָרום
מיר זײַנען פאַרקויפט געוואָרן, איך און מײַן פאָלק, צום פאַרטיליקן, צום הרגען, און
אומצובּרענגען; און ווען מיר וואָלטן פאַרקויפט געוואָרן פאַר קנעכט און פאַר דינסטן
וואָלט איך געשוויגן, אָבּער דער פײַנט איז ניט ווערט דעם מלך שאָדן. האָט זיך
אָפּגערופן דער מלך אַכשורוש, און האָט געזאָגט צו אסתּר המלכּה: ווער איז דער, און
ווּ איז דער, וואָס זײַן האַרץ האָט אים דערוועגט אַזוי וואָס צו טאָן? האָט אסתּר
געזאָגט: אַ מאַן אַ צורר און אַ פײַנט, דערדאָזיקער בּייזער הָמָן. און הָמָן האָט זיך
דערשראָקן פאַר דעם מלך און דער מלכּה. און דער מלך איז אויפגעשטאַנען אין זײַן
גרימצאָרן פון דעם ווײַנמאָלצײַט, און איז אַרײַן אין דעם פּאַלאַצגאָרטן; און הָמָן האָט
זיך אָפּגעשטעלט צו בּעטן אום זײַן לעבּן בּײַ אסתּר המלכּה, ווואָרום ער האָט געזען אַז
בּייז איז בּאַשלאָסן אויף אים פון מלך. און ווי דער
[ז 1203] מלך האָט זיך אומגעקערט פון דעם פּאַלאַצגאָרטן אין הויז פון דעם
ווײַנמאָלצײַט, ערשט הָמָן ליגט אַנידערגעפאַלן אויף דעם לעבּבעטל וואָס אסתּר איז
דערויף. האָט דער מלך געזאָגט: נאָך בּאַצווינגען די מלכּה בּײַ מיר אין הויז? ווי דאָס
וואָרט איז אַרויס פון מלכס מויל, אַזוי האָט מען צוגעדעקט הָמָנס פּנים.

האָט געזאָגט כַרבונָה, איינער פון די קאַמערדינער פאַרן מלך: אָן שטייט אויך לעבּן הָמָנס הויז די תּלִיָה פופציק אײַלן הויך וואָס הָמָן האָט געמאַכט פאַר מרדכין, דעם וואָס האָט גערעדט צום גוטן פון מלך. האָט דער מלך געזאָגט: הענגט אים אויף דערויף. האָט מען אויפגעהאַנגען הָמָנען אויף דער תּלִיָה וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר מרדכין, און דער גרימצאָרן פון מלך האָט זיך געשטילט.

# פּרק כ

1 אין יענעם טאָג האָט דער מלך אַכשורוש אַוועקגעגעבּן צו אסתּר המלכּה דאָס הויז פון הָמָן דעם צורר-היהודים. און מרדכי איז געקומען פאַרן מלך, ווואָרום אסתּר האָט אים דערציילט, וואָס ער איז אירער. און דער מלך האָט אַראָפּגענומען זײַן זיגלרינג וואָס ער האָט אַוועקגענומען פון הָמָנען, און האָט אים געגעבּן מרדכין; און אסתּר האָט אויפגעזעצט מרדכין איבּער הָמָנס הויז.

און אסתּר האָט ווידער גערעדט פאַרן מלך, און זי איז געפאַלן פאַר זײַנע פיס, און האָט געוויינט און געבעטן בײַ אים, אָפּצוטאָן דאָס בייז פון הָמָן דעם אֲגָגִי, און זײַן טראַכטונג וואָס ער האָט געטראַכט אַקעגן די ייִדן. האָט דער מלך אויסגעשטרעקט צו אסתּרן דעם גילדערנעם צעפּטער, און אסתּר האָט זיך אויפגעהויבן און האָט זיך געשטעלט פאַרן מלך. און זי האָט געזאָגט: אויב דעם מלך איז וווילגעפעלן, און אויב איך האָב געפונען לײַטזעליקײַט פאַר אים, און די זאַך איז רעכט פאַרן מלך, און איך בין וווילגעפעלן אין זײַנע אויגן, זאָל געשריבן ווערן אָפּצורופן די בריוו, די טראַכטונג פון הָמָן דעם זון פון הַמְדָתָאן, דעם אֲגָגִי, וואָס ער האָט געשריבן אומצוברענגען די ייִדן אין אַלע מדינות פון מלך. וואָרום ווי וועל איך קענען צוזען דאָס בייז וואָס וועט טרעפן מײַן פאָלק? און ווי וועל איך קענען צוזען דעם אונטערגאַנג פון מײַן אָפּשטאַם?

האָט דער מלך אַכַשוֵרוֹש געזאָגט צו אסתּר המלכּה און צו מרדכי דעם ייִדן: זעט, הָמָנס הויז האָב איך אַוועקגעגעבן צו אסתּרן, און אים האָט מען אויפגעהאַנגען אויף דער תּלִיָה, פאַרוואָס ער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט אויף די ייִדן. און איר, שרײַבט וועגן די ייִדן, אַזוי ווי עס איז גוט אין אײַערע אויגן, אין נאָמען פון מלך, און כתמעט
[ז 1204] אונטער מיט דעם זיגלרינג פון מלך, וואָרום אַ געשריפטס וואָס איז געשריבן אין נאָמען פון מלך, און געכתמעט מיטן זיגלרינג פון מלך, איז ניט אָפּצורופן.

זײַנען גערופן געוואָרן די שרײַבער פון מלך אין יענער צײַט, אין דריטן כוֹדש, דאָס איז כוֹדש סיוָן, אין דרײַ און צוואַנציקסטן טאָג אין אים; און עס איז געשריבן געוואָרן אַזוי ווי אַלץ וואָס מרדכי האָט באַפוילן, צו די ייִדן, און צו די סאַטראַפּן, און די פירשטן, און די האַרן פון די מדינות וואָס פון הוֹדו ביז כּוש, הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות; איטלעכער מדינה לויט איר כּתב, און איטלעכן פאָלק לויט זײַן לשון, און צו די ייִדן לויט זייער כּתב און לויט זייער לשון. און מע האָט געשריבן אין נאָמען פון מלך אַכַשוֵרוֹש, און געכתמעט מיטן זיגלרינג פון מלך, און צעשיקט בריוו דורך דער האַנט פון די לויפערס אויף פערד, רײַטער אויף יאָגפערד פון די קיניגלעכע סטאַדעס, אַז דער מלך האָט דערלויבט די ייִדן וואָס אין איטלעכער שטאָט, זיך אײַנצוזאַמלען, און זיך צו שטעלן פאַר זייער לעבן, צו פאַרטיליקן, צו הרגען, און אומצוברענגען יעטוועדער כיל פון דעם פאָלק און דער מדינה וואָס וועלן באַפאַלן זיי מיט די קליינע קינדער און די ווײַבער, און צו צערויבן זייער פאַרמעג, אין איין טאָג אין אַלע מדינות פון מלך אַכַשוֵרוֹש, אין דרײַצנטן טאָג פון צוועלפטן כוֹדש, דאָס איז

כּוֹדש אָדָר. דער נוסך פון דעם געשריפטס זאָל אַרויסגעגעבן ווערן פאַר אַ בּאַפעל אין איטלעכער מדינה, בּאַקאַנט געמאַכט פאַר אַלע פעלקער, און די ייִדן זאָלן זײַן אָנגעבּרייט פאַר דעמדאָזיקן טאָג זיך נוֹקם צו זײַן אָן זייערע פײַנט.

זײַנען די לויפערס, די רײַטערס אויף יאָגפערד, אַרויס אין האַסט און געאײַלט אויף דעם אָנזאָג פון מלך, און דער בּאַפעל איז אַרויסגעגעבּן געוואָרן אין דער הויפּטשטאָט שושַן. און מרדכי איז אַרויסגעגאַנגען פון פאַרן מלך אין בִּגדֵי-מַלכות פון בּלאָען און ווייסן, מיט אַ גרויסער גילדערנער קרוין, און אַ מאַנטל פון פײַנלײַנען און פּורפּל. און די שטאָט שושַן האָט געהילכט און זיך געפרייט. בּײַ די ייִדן איז געווען אַ ליכטיקײַט און אַ שׂמחה און אַ פרייד און אַ גדולה. און אין איטלעכער מדינה און אין איטלעכער שטאָט, וווּ נאָר דער אָנזאָג פון מלך און זײַן בּאַפעל איז אָנגעקומען, איז געווען שׂשׂוֹן-ושׂמחה בּײַ ייִדן, אַ סעודה און אַ יָום-טוב. און פיל פון די פעלקער פון לאַנד האָבּן זיך אויסגעגעבּן פאַר ייִדן, ווײַל די מוֹרא פאַר ייִדן איז געפאַלן אויף זיי.

[ז 1205]

# פּרק ט

1 און אין צוועלפטן כּודש, דאָס איז כּודש אָדָר, אין דרײַצנטן טאָג אין אים, ווען דער
אָנזאָג פון דעם מלך און זײַן בּאַפעל איז געקומען נאָנט צום געטאָן ווערן, אין דעם
טאָג וואָס די פײַנט פון די ייִדן האָבּן געהאָפט צו געוועלטיקן איבּער זיי, און עס איז
געוואָרן פאַרקערט, אַז זיי, די ייִדן, האָבּן געוועלטיקט איבּער זייערע שׂוֹנאים, האָבּן
זיך אײַנגעזאַמלט די ייִדן אין זייערע שטעט, אין אַלע מדינות פון מלך אַכַשוֵרוֹש
אויסצושטרעקן אַ האַנט אויף די וואָס האָבּן געזוכט אויף זיי בּייז; און קײַנער איז ניט
בּאַשטאַנען אַקעגן זיי, וואָרום זייער מוֹרא איז געפאַלן אויף אַלע פעלקער. און אַלע
האַרן פון די מדינות, און די סאַטראַפּן, און די פירשטן, און דעם מלכס ווירטשאַפטער,
האָבּן אונטערגעהאָלפן די ייִדן, וואָרום די מוֹרא פאַר מרדכין איז געפאַלן אויף זיי.
ווײַל מרדכי איז געווען גרויס אין הויז פון מלך, און זײַן שם איז געגאַנגען אין אַלע
מדינות; וואָרום דער מאַן מרדכי איז געוואָרן אַלץ גרעסער. און די ייִדן האָבּן
געשלאָגן צווישן אַלע זייערע פײַנט אַ שלאַק פון שווערד און טייטונג און
פאַרטיליקונג, און זיי האָבּן געטאָן מיט זייערע שׂוֹנאים לויט זייער ווילן. און אין דער
הויפּטשטאָט שושַן האָבּן די ייִדן געהרגעט און אומגעבּראַכט פינף הונדערט מאַן. אויך
פַּרשַנדָתאָ, און דַלפוֹן, און אַספָּתאָ, און פּוֹרָתאָ, און אַדַלְיאָ, און אַרידָתאָ. און
פַּרמַשתָּא, און אַריסַי, און אַרידַי און אַויָזָתאָ, די צען זין פון הָמָן דעם זון פון הַמדָתאָן,

דעם צוֹרר-הַיהודים, האָבן זיי געהרגעט; אָבֿער צום רויבֿ האָבן זיי ניט אויסגעשטרעקט זייער האַנט.

[ז 1206]

אין יענעם טאָג איז געקומען די צאָל פון די הרוגים אין דער הויפּשטאָט שושַן, פֿאַר דעם מלך. האָט דער מלך געזאָגט צו אסתּר המלכּה: אין דער הויפּטשטאָט שושַן האָבן די ייִדן געהרגעט און אומגעבֿראַכט פינף הונדערט מאַן, און הָמָנס צען זין; וואָס שוין האָבן זיי געטאָן אין די איבֿעריקע מדינות פון מלך! און וואָס נאָר דייַן פֿאַרלאַנג, וועט דיר געגעבֿן ווערן, און וואָס נאָך דייַן בקשה, וועט געטאָן ווערן. האָט אסתּר געזאָגט: אויבֿ דעם מלך איז ווו ילגעפעלן, זאָל אויך מאָרגן געגעבֿן ווערן די ייִדן וואָס אין שושַן צו טאָן אַזוי ווי דער באַפעל פון הייַנט; און די צען זין פון הָמָנען זאָל מען אויפהענגען אויף דער תּלִיָה. האָט דער מלך געהייסן אַז אַזוי זאָל געטאָן ווערן, און אַ באַפעל איז אַרויסגעגעבֿן געוואָרן אין שושַן; און די צען זין פון הָמָנען האָט מען אויפגעהאַנגען. און די ייִדן וואָס אין שושַן האָבן זיך איַינגעזאַמלט אויך אין פערצנטן טאָג פון כוֹדש אָדֶר, און האָבן אויסגעהרגעט אין שושַן דרייַ הונדערט מאַן; אָבֿער צום רויבֿ האָבן זיי ניט אויסגעשטרעקט זייער האַנט.

און די איבֿעריקע ייִדן וואָס אין די מדינות פון מלך האָבן זיך איַינגעזאַמלט, און זיך געשטעלט פֿאַר זייער לעבֿן, און זיי זייַנען לויז געוואָרן פון זייערע פייַנט, און האָבן אויסגעהרגעט פון זייערע שֹוֹנאים פינף און זיבֿעציק טויזנט; אָבֿער צום טויבֿ האָבן זיי ניט אויסגעשטרעקט זייער האַנט.

דאָס איז געווען אין דרייַצנטן טאָג פון כוֹדש אָדֶר; און אין פערצנטן טאָג אין אים האָבן זיי גערוט, און האָבן אים געמאַכט פֿאַר אַ טאָג פון אַ סעודה און אַ שׂמכה. אָבֿער די ייִדן וואָס אין שושַן האָבן זיך איַינגעזאַמלט אין דרייַצנטן און אין פערצנטן טאָג אין אים, און אין פופצנטן טאָג אין אים האָבן זיי גערוט, און האָבן אים געמאַכט פֿאַר אַ טאָג פון אַ סעודה און אַ שׂמכה. דרום מאַכן די ייִדן פון די אָפענע ערטער, די וואָס זיצן אין אָפענע שטעט, אין פערצנטן טאָג פון כוֹדש אָדֶר אַ שׂמכה און אַ סעודה און אַ יָום-טוב, מיט שַלַך-מָנות פון איינעם צום אַנדערן.

און מרדכי האָט אויפגעשריבֿן דידאָזיקע זאַכן, און ער האָט געשיקט בֿריוו צו אַלע ייִדן וואָס אין אַלע מדינות פון מלך אַכַשוֵרוֹש, די נאָנטע און די ווייַטע, צו באַפעסטיקן אויף זיי, אַז זיי זאָלן האַלטן דעם פערצנטן טאָג פון כוֹדש אָדֶר, און דעם פופצנטן טאָג אין אים, אַלע יאָר אין יאָר, אַזוי ווי די טעג וואָס די ייִדן זייַנען לויז

געוואָרן פון זייערע פײַנט, און דעם כֹודש וואָס איז זיי פאַרקערט געוואָרן פון קומער
אין אַ שׂמחה, און פון טרויער אין אַ יָום-טוב; זיי צו מאַכן פאַר טעג
[ז 1207] פון אַ סעודה און אַ שׂמחה, מיט שַׁלַח-מָנות פון איינעם צום אַנדערן, און
מתּנות צו אָרימע לײַט. און די ייִדן האָבּן אָנגענומען וואָס זיי האָבּן אָנגעהויבּן צו טאָן,
און וואָס מרדכי האָט צו זיי געשריבּן. וואָרום הָמָן דער זון פון הַמְדָתאָן, דער אַגָגי,
דער צוֹרר אויף אַלע ייִדן, האָט געטראַכט אויף די ייִדן זיי אונטערצובּרענגען, און ער
האָט עוואָרפן אַ פּור, דאָס איז אַ גוֹרל, זיי צו פאַרטומלען און זיי אונטערצובּרענגען.
אָבּער אַז זי איז געקומען פאַרן מלך, האָט ער אָנגעזאָגט מיט אַ בּריוו, אַז זײַן בּייזע
מכשבה וואָס ער האָט געטראַכט אויף די ייִדן, זאָל זיך אומקערן אויף זײַן קאָף; און
מע האָט אויפגעהאַנגען אים און זײַנע זין אויף דער תּלִיָה. דרום האָט מען גערופן
דידאָזיקע טעג פּורים, אויף דעם נאָמען פּור. דערפאַר, פון וועגן די ווערטער פון
דעמדאָזיקן בּריוו, און וואָס זיי האָבּן זיך אָנגעזען דערפון, און וואָס זיי איז געשען,
האָבּן די ייִדן בּאַפעסטיקט און גענומען אויף זיך, און אויף זייערע קינדער, און אויף
אַלע וואָס בּאַהעפטן זיך אָן זיי, אַז עס זאָל ניט בָּטל ווערן, צו האַלטן דידאָזיקע צוויי
טעג, אַזוי ווי עס איז געשריבּן וועגן זיי, און לויט זייער צײַט, אַלע יאָר פאַר יאָר. און
דידאָזיקע טעג זאָלן געדאַכט ווערן, און געהאַלטן ווערן אין איטלעכן דָור, איטלעכער
משפּחה, איטלעכער מדינה, און איטלעכער שטאָט; און דידאָזיקע טעג פון פּורים זאָלן
ניט אָפּגעשאַפט ווערן פון צווישן ייִדן, און זייער גדעכניש זאָל ניט אויפהערן בּײַ
זייערע קינדער.

און אסתּר המלכּה, די טאָכטער פון אַביכַיִלן, און מרדכי דער ייִד, האָבּן געשריבּן מיט
גאָרער שטאַרקײַט, צו בּאַפעסטיקן דעמדאָזיקן צווייטן בּריוו וועגן פּורים. און ער
האָט צעשיקט בּריוו צו אַלע ייִדן, צו די הונדערט און זיבּן און צוואַנציק מדינות פון
אַכַשוֵרוֹשעס קיניגרײַך, מיט ווערטער פון פריד און וואָרהאַפטיקײַט, אַז זיי זאָלן
בּאַפעסטיקן דידאָזיקע טעג פון פּורים אין זייערע צײַטן, אַזוי ווי מרדכי דער ייִד און
אסתּר המלכּה האָבּן בּאַפעסטיקט אויף זיי, און אַזוי ווי זיי האָבּן בּאַפעסטיקט אויף זיך
אַליין און אויף זייערע קינדער, די אָנזאָגן וועגן די תָּעֲנִיתים און זייער קלאָג. און
אסתּרס בּאַפעל האָט בּאַפעסטיקט דידאָזיקע אָנזאָגן וועגן פּורים; און עס איז
פאַרשריבּן געוואָרן אין אַ בּוך.

# פּרק י

1 און דער מלך אַכַשוֵרוֹש האָט אַרויפגעלייגט אַ צינז אויפן לאַנד, און אויף די
אינדזלען פון אים. און די מעשׂה פון זײַן שטאַרקײַט און זײַנע גבורות, און די

אויסדערציילונג פון מרדכיס גרויסקייַט וואָס דער מלך האָט אים
[ז 1208] געגרייַסט, זיי זייַנען שוין פאַרשריבן אין דעם בוך פון די צייַטגעשעענישן
פון די מלכים פון מָדַי און פָּרַס. וואָרום מרדכי דער ייִד איז געווען דער שֵני-למלך פון
אַכַשוֵרוֹשן, און גרויס בייַ ייִדן, און באַליבט בייַ זייַנע פיל ברידער. ער האָט געזוכט
גוטס פאַר זייַן פאָלק, און גערעדט צום פריד פאַר זייַן גאַנצן שטאַם.

[ז 1209]